תמצית הגליון:
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ.

בעזרת השי"ת • ראה - מבה"ח אלול תש"פ • גליון פה'

# זיין א מדקדק במצוות איז א פרעשא"ר אדער א פריוולי"דש?!

### די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז...

אפטמאל געשעהט אז מען באנוצט זיך, נישט וועלנדיג, מיט היתרים וואס זענען לאו דוקא באמת אן היתר, מען באגנוגט זיך מיטן כלל אז מען איז א אפגעהיטענער איד, אבער דאס פונקטליכקייט אין הלכה מאכט נישט אויס. נאר אדרבא, עס קען זיך נאך דאכטן אז דער מדקדק במצוות איז גאר "איינער וואס מאכט אן עסק פון יעדע זאך"... ווייל לפי דעתם "**מאכט דאס נישט אזא גרויסע חילוק**", דער עיקר אז מען האט געטוהן די מצוה, "וואס איז א חילוק פונקטליך ווי אזוי?!"

זענען די פאלגנדע זאצן באקאנט פאר אייך??

**שאלה:** "איז הלכה'דיג אויסגעהאלטן וואס דו טוהסט יעצט? אפשר גייט דאס אריין אין אבק גזל אדער אפילו גזל ממש?" תשובה: "איך בין נישט הונדערט פראצענט זיכער אבער לכאורה מעג מען, ווייל גזל עכו"ם איז מותר. און חוץ פון דעם, שפיר איך אז איך האב עפעס א היתר וואס איך קען נישט אזוי גוט מסביר זיין!"

**נאך א שאלה:** "וועלכע ברכה האסטו געמאכט אויף די עסן?" תשובה: "איך ווייס נישט פונקטליך, אבער "ועל כולם אם אמר שהכל יצא!"

**שאלה:** "עס ליגט דארט עפעס א מוקצה זאך, מעג מען דאס אוועקרוקן?" תשובה: "איך ווייס נישט פונקטליך אבער כלאחר יד מעג מען זיכער..."

**נאך א שאלה:** "איז הלכה'דיג אויסגעהאלטן דאס וואס דו דערציילסט יעצט? איז דאס נישט לה"ר, רכילות אדער סתם מוציא שם רע?" תשובה: "ביי אונזערע מקומות האט מען נישט געמאכט אזא עסק פון דעם! און חוץ פון דעם, איז דאס נאר לתועלת!"

אין די וואכנדיגע סדרה, זאגט די תורה א מצוות "לא תעשה", און דורכן פארשטיין דער מצוה לעומקו של דבר, וועט פלוצלינג די אלע זאכן **יא** אנהייבן צו מאכן א גרויסע חילוק!

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

## דער איסור פון בל תוסיף!

**אֵת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ.** (דברים יג, א)

דער פסוק זאגט אונז דא אן מיט א ספעציעלע אזהרה, א מצות "לא תעשה". יעדע מצוה וואס דער אייבערשטער האט אונז באפוילן, דארף זיין מיט א פונקטליכקייט און גענוי ווי אזוי מען האט דאס איבערגעגעבן פאר משה אויפן בארג סיני, **לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ...** לייג גארנישט נישט צו און נעם גארנישט אראפ פון די מצוה, יעדע פרט איז וויכטיג און דארף פונקט אזוי זיין.

דער זעלבע לאו געפונען מיר אויך אין פרשת ואתחנן (דברים ד, ב), ווי די תורה זאגט אונז אן: **לֹא תֹסִפוּ עַל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה'**...[א]

### וואס באדייט דער לאו?

זאגט רש"י אין פרשת ואתחנן: לייג נישט צו נאך א פרשה צו די ד' פרשיות פון די תפילין, לייג נישט צו נאך א מין צו די ד' מינים און לייג נישט צו נאך איין פאדעם צו די פיר חוטין פון ציצית.

פארוואס? זאגט די גמרא (סנהדרין כט.): **דכל המוסיף גורע.** אויב וועסטו מאכן פינעף פעדעמער אנשטאט פיר, האסטו אוועקגענומען די פיר אויך, ווייל יעצט זענען זיי שוין אויך נישט ווערד! וויבאלד די מצוה איז נישט געטוהן געווארן כהלכתה, איז דאס מער נישט קיין

[א] **נ.ב.** הגם רוב מפרשי התורה זענען דאס מבאר אין פרשת ואתחנן, טוהן מיר דאס אויסשמועסן אין פרשת ראה, וויבאלד ביי די מוני המצות געפונען מיר דער לאו אנגעצייכענט צו פרשת ראה. עי' בחינוך פרשת ראה מצוה תנ"ד, ומצוה תנ"ה, וכן הוא ברמב"ם.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבינדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

מצוה. דער מענטש מיינט אז ער איז גאר מהדר אינעם מצות ה' אבער "ניין! מיטן צולייגן צו די מצוה, מאכט ער גאר קאליע!" (דעת זקנים מבעלי התוספות ואתחנן)

**לא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ.** טייטשט דער כלי יקר (ואתחנן): דאס איז נישט צוויי באזונדערע לאו'ן, נאר דער פסוק זאגט: **לא תֹסֵף עָלָיו**, לייג נישט צו אויפן מצוה, וועסטו נישט צוקומען צו **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, אז דער מצוה זאל ווערן פארמינערט און פארלירן איר ווערד.

קען דאך א מענטש מיינען אז דאס איז נאר שייך ווען מען לייגט צו צו א מצוה מן התורה ממש, מען זאגט אז דאס האט די תורה געמיינט. אבער אויב מען וועט זאגן קלאהר אז נישט דאס האט די תורה געמיינט, נאר מען וויל פשוט צולייגן פון זיך אליין, דאס מעג מען שוין יא!

דערפאר קומט די תורה נאכאמאל אין פרשת ראה און איז אונז מגלה, "ניין, אפי' ווען מען לייגט צו פון זיך אליין איז דאס אויך אסור משום בל תוסיף." (עי' שו"ת דברי יציב או"ח סי' רע"ה, ועיי"ש שהעיר הגם שבגמ' שם נוקטת הפסוק שבפרשת ואתחנן, הרי הרמב"ם וכן שאר מוני המצות נקטו את הפסוק שבפרשת ראה.)

ווי רש"י לייגט צו אין פ' ראה: דער משל פון א כהן וואס דוכענט און זאגט אז וויבאלד די תורה האט אים געגעבן רשות צו בענטשן די אידן, קען ער צולייגן נאך א ברכה, זיין אייגענע ברכה. קומט דער פסוק און זאגט אז אפי' בכה"ג איז דאס אויך אסור, מען דארף טוהן מצוות גענוי ווי מען האט געהייסן, מען טאר נישט צולייגן אפי' איין טראפ. (עי' ר"ה כח:)

אויב א מענטש וויל מהדר זיין אין א מצוה, זאל ער מהדר זיין אין די איכות המצוה, מען זאל טוהן דאס מצוה שענער און בעסער, אבער חלילה נישט צולייגן קיין איין טראפ אין די כמות פון די מצוה.

## וואס איז דער עומק און ביאור פון אט די הארבע איסור?

לכאורה דארף מען פארשטיין, במילא די לאו פון **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, ווען מען מאכט וויניגער און נעמט אראפ פון די מצוה, פארשטייט יעדער אז עס איז דא א פראבלעם ווייל מען זוכט זיך צו פטר'ן. אבער **לֹא תֹסֵף עָלָיו**, מאכן מער?! וואס קען דען שאטן? סוף כל סוף, מיינט מען נאר צו מאכן בעסער, וואס איז אזוי געפערליך?

געבט דער רבי, ר' יונתן אייבשיץ זי"ע, צו פארשטיין מיט א משל: דאס איז פונקט ווי איינער וואס פילט נישט גוט און גייט צום דאקטאר. וואס טוט דער דאקטאר? ער פארשרייבט אים א רעצעפט פאר א געוויסע מעדיצין מיט די פונקטליכע מאס וויפיל ער דארף נעמען, וויפיל מאל א טאג, א.א.וו. כדי דער מענטש זאל אויסגעהיילט ווערן.

שטעלט אייך פאר אז איינער וועט קומען און זאגן מיט א שטארקייט, "אויב דער מעדיצין היילט טאקע אויס, וועל איך נעמען מער ווי די דאקטער האט געהייסן, אזוי וועל איך אסאך בעסער און שנעלער אויסגעהיילט ווערן!"

**וואס וואלטן מיר געזאגט פאר אזא איינעם?** "ר' איד, געבט אכטונג, טוט נישט אזעלכע נארישקייטן ווייל דאס קען זיין א גרויסע סכנה. נישט נאר שרייבט דער דאקטאר די רעצעפט פון וועלכע מעדיצין מען דארף נעמען, נאר ער שאצט אויך אפ פונקטליך וויפיל דער מענטש מעג נעמען לויט זיין וואג, עלטער א.א.וו. און אויב נעמט מען מער, קען עס חלילה שאטן!"

דער רבי, ר' יונתן פירט אויס: דאס זעלבע איז מיט די מצוות ה'. די מצוות זענען דאס לעבן פון א מענטש. דער בורא ורופא הנפשות האט פאשריבן פאר אונז א רעצעפט פון לעבן. ר' איד, דו ווילסט קענען עקזעסטירן אויף דער גשמיות'דיגע וועלט, דו ווילסט קענען לעבן, **רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.**

**אֶת הַבְּרָכָה:** ווי אזוי באקומט מען די ברכה? **אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם.** ווען דו וועסט טוהן די מצוות ה', דאס וועט דיר היילן און בענטשן.

און אט די מצות זענען געגעבן געווארן מיט א פונקטליכקייט. די רמ"ח מצות עשה זענען אנטקעגן די צוויי הונדערט, אכט און פערציג איברים וואס א מענטש האט. אזוי אויך, די שס"ה מצות לא תעשה זענען אנטקעגן די דריי הונדערט, פינף און זעכציג אדערן פון א מענטש. פונקטליך וויפיל איברים און אדערן דער מענטש פארמאגט, אזויפיל מצות האט דער רבוש"ע אוועקגעשטעלט, יעדע מצוה געבט כח פאר איין אבר אדער גיד, וואס שעפט די חיות פון די מצוה... (עי' רבינו בחיי שמות מ, טז)

קומט אויס, אז ווען א מענטש לייגט צו צו די מצוות, שפילט ער זיך ארום מיט זיין חיות, ער נעמט מער מעדעצין ווי ער דארף באקומען. פונקט ווי דער קראנקער וואס נעמט אריין א העכערע מאס פון זיין מעדעצין, שאט דאס אים. אזוי אויך ביים מענטש, דער אייבערשטער האט אפגעשאצט פונקטליך וויפיל מען דארף האבן און נישט מער[ב]... ווייל א זאך וואס היילט, אויב נעמט מען מער, שאט דאס!

וכך הם דברי החינוך מצוה תנ"ד: משרשי המצוה **כי האדון המצוה אותנו על התורה, ברוך הוא בתכלית השלמות**, דער אייבערשטער, וואס האט אונז באפוילן אויף די תורה הק', איז דער תכלית השלמות. אלע זיינע מעשים און באפעלן זענען **שלמים וטובים** און צולייגן אויף דעם איז נאר א חסרון וכל שכן הגרעון...

און פונקט ווי דער קראנקער, ווען ער נעמט מער מעדעצין, צייגט אז ער פארשטייט נישט און באגרייפט נישט דער עומק דערפון, אזוי אויך, ווען איינער איז מוסיף און איז נישט מדייק אויפן פונקטליכקייט פון א מצוה, צייגט דאס אז ער פארשטייט נישט און באגרייפט נישט דער עומק פונעם מצוה.

## דער פונקטליכקייט מוז זיין...

מיט דעם, קען מען פארשטיין דער שייכות פון די צוויי לאו'ן, **לא**

ב מתוך ספר "דער קוואל פון חיזוק" פרשת ואתחנן

**תֹּסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**. די ביידע קומען פון איין שורש, דער זעלבע טעם פארוואס מען טאר נישט פארמינערן, איז דער זעלבער טעם פארוואס מען טאר נישט מוסיף זיין.

ווייל ווען מען באגרייפט דאס גרויסקייט פון א מצוה און וואס דאס טוט אויף, וועט מען אויף קיין שום פאל נישט נאכגעבן, נאר נאכגיין גענוי וואס און ווי אזוי מען טוט דער מצוה.

פונקט ווי דער פיילא"ט ווייסט אז ער מוז נאכגיין און וויסן יעדע דעטאל און באדייט פון יעדע קנעפל אויפן פליגער און קען נישט זאגן "איך קען נישט אזוי גוט פירן דעם פליגער אבער דער עיקר אז מען קוועטשט קנעפלער, וואס איז א חילוק פונקטליך ווי אזוי!" ווייל ער וועט נאר מאכן אז דער פליגער זאל פאלן און קראכן, אזוי אויך קען א מענטש נישט זאגן "**דער עיקר אז מען האט געטוהן די מצוה, וואס איז א חילוק פונקטליך ווי אזוי?!**"

## "דער זעלבער געדאנק על פי חסידות"

דער באר מים חיים שרייבט (עה"ת פרשת ואתחנן עה"פ לא תוסיפו וגו') וז"ל: **ומעתה טעם פשוט וגלוי לכל, טעם מצוה זו. כי הנה שמו יתברך אשר לו נתכנו עלילות, גזר ואמר להיות ארבע פרשיות בתפילין, שני פרשיות במזוזה, ארבעה ציצית וכדומה, כי הוא יודע הוא המדע אשר כן הוא המדה לקבלת אור המחין הגדולים הנפלאים שיאירו אל תוך העולם, להכניע ולשבר בזה כח הקליפות...**

דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, א וועלט פון חושך. די עוה"ז איז מלא קליפות וואס לויפן נאך דעם מענטש. ווי אזוי דערהאלט זיך א איד אויף דער וועלט? נאר דורך דעם אור הקדושה וואס דער איד באקומט דורך מקיים זיין די תורה און מצוות. יעדע מצוה האט זיין פונקטליכע מאס פון אור און קדושה וואס דער מענטש טוט מרבה זיין אויף דער וועלט. אזוי אויך, איז ער מוסיף אויף זיך אן אור און קדושה לויט די כלים וואס דער מענטש האט דעמאלטס באקומען.

טאמער דער מענטש טוט חלילה מרבה זיין מער פון די מצוה, ער איז מוסיף איין פאדעם אויף זיין ציצית אדער ער איז מוסיף איין פרשה אויף זיין תפילין, דעמאלטס איז ער איז מוסיף מער "אור" פון וויפיל זיינע כלים קענען פארנעמען און דאס טוט חלילה גורם זיין אז "**יחשיך עיני מקבלה ויבוא חס ושלום לבחינת השבירה ובטול**", עס טוט טונקל מאכן די אויגן פונעם מקבל און צוברעכט זיין כלי צו קענען מקבל זיין דעם אור.

וויבאלד ער שטופט אריין אין זיין כלי פיל מער פון וויפיל ער קען פארנעמען, ווערט ווי א בחינה פון שבירת הכלי און דער מענטש קען דאס נישט אנהאלטן. וואו גייט דאס? די הונגעריגע כוחות פון די קליפות, זיי קומען און כאפן דאס צו, רח"ל.

קומט אויס, אז אנשטאט דער מענטש זאל מוסיף זיין קדושה אויף דער וועלט און שוואכער מאכן די קליפות, טוט דער מענטש גאר זיי געבן צו עסן און שטערקער מאכן...

**לא תֹסֵף עָלָיו**, לייג נישט צו אויפן מצוה, וועסטו נישט צוקומען צו **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, אז דער מצוה זאל זיך פארמינערן און גאר נישט זיין ווערד. (כמש"כ לעיל מכלי יקר)

לאמיר זיך איינ'חזר'ן די ווערטער פונעם חינוך: **כי האדון המצוה אותנו על התורה, ברוך הוא בתכלית השלמות וכל מעשיו וכל ציוויו הם שלמים וטובים** (החינוך שם). און גענוי ווי אזוי מען האט דיר באפוילן, אזוי דארף דאס זיין און נאר אזוי טוט דאס אויף.

## און וואס באדייט א לא תעשה?

לפי"ד עד כה, פארשטיין מיר שוין וואס איז דער באדייט פון א מצות עשה. א "מצות עשה", דאס איז דער מעדעצין און אור וואס שיינט אויף דער וועלט. עס דארף זיין גענוי מיט א מאס און מיט א פונקטליכקייט, וויפיל מען מעג נעמען.

אבער וואס איז דער באדייט פון א לא תעשה? זענען די ספרים מסביר: אויסער די מעדעצין וואס דער גרויסע דאקטאר, דער רופא הנפשות האט אונז געגעבן, האט ער אונז אויך אנגעזאגט מיט א "לא תעשה", אן אזהרה פון וואס מען דארף זיך אפהיטן ווייל עס איז א סכנה פאר אונזער נפש.

ווי דער פסוק זאגט: רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה. איך געב דיר ביידע: בְּרָכָה **וְהַקְּלָלָה**, ווי אזוי קומט אן דער קללה? **אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹהֵיכֶם וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם**.[ג]

לפי"ז, קומט לכאורה אויס אז אויב מען קען שטיין נאך ווייטער פון וואס די תורה האט געהייסן איז נאך בעסער. אלץ ווייטער פונעם סכנה מען שטייט, אלץ בעסער איז דאס.

מיט דעם, קען מען פארשטיין...

## ווי אזוי האבן די חכמים יא געקענט מוסיף זיין?

ווי מיר געפונען אין חז"ל, איז דא א מצוה וואס מען לערנט ארויס פון **ושמרתם את משמרתי, עשו סייג לתורה** (יבמות כא.), מען דארף מוסיף זיין ווי מער גדרים וסייגים. קען דאך א מענטש טראכטן, "ווי אזוי מעג מען דאס טוהן? מען טאר דאך נישט מוסיף זיין אויף די תורה?!"

**אבער לויט ווי מיר זאגן איז דאס בכלל נישט שווער:** (ווי דער ראב"ד זאגט און דער חינוך ברענגט דאס בשם רוב מפורשים[ד]) **דבלאו לא שייך כלל בל תוסיף כיון דהוא סייג לתורה**, דער גאנצע איסור פון בל תוסיף גייט בכלל נישט אן ביי לאו'ן, נאר ביי מצות עשה.

**פארוואס**? טאקע דערפאר, וויבאלד די תורה האט אונז באפוילן צו

[ג] **טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו**. "טוב ה' לכל", דורך אונז געבן מצות עשה, "ורחמיו על כל מעשיו", דורך אונז געבן מצות לא תעשה.

[ד] הובא בחינוך שם מצוה תנ"ד.

מאכן גדרים וסייגים, איז דא נישט שייך קיין איסור פון בל תוסיף, ווייל ווי ווייטער מען שטייט פונעם סכנה, אלץ בעסער איז דאס![ה]

זאגט דער מהר"ם שיק (בפי' על אבות): **ושמרתם את משמרתי.** דאס איז נאר בזמן הזה, ווען מיר האבן א יצר הרע אין זיך, אבער לעתיד לבא, ווען מיר וועלן אלע זוכה זיין צו להיות קדושים וטהורים, וועט שוין נישט זיין קיין צורך אין די אלע משמרת..

און דאס איז דער חילוק פון א מצות עשה צו א לא תעשה: **א מצות עשה**, וואס איז א מעדעצין, א פעולה וואס דארף איפטוהן, וועט מען אויף קיין שום פאל דאס נישט טוהן אן קיין פונקטליכקייט, נאר אדרבא, מען וועט לערנען, פרעגן און טוהן מיט די מערסטע פונקטליכקייט וואס איז נאר שייך. משא"כ, **א מצות לא תעשה**, דארף נישט האבן קיין פונקטליכקייט און מען קען מוסיף זיין מער און מער. ווי די גמרא חזר'ט איבער דער משל אז מען זאגט פאר א נזיר, "**סחור סחור**, גיי ארום און ארום אבער **לכרמך לא תקרב**, קום נישט נאנט צו דיין וויינגארטן."

## מעשה רב

### ווי ווייט דארף מען אכטונג געבן?!

א ריזשינער חסיד, זייענדיג אויפן וועג צו זיין רבי'ן, דער הייליגער קדוש ישראל מרוזין זי"ע אויף שבת קודש, האט פארשפעטיגט אויפן וועג און איז צום סוף אנגעקומען קיין פרעמישלאן. זייענדיג דארטן אויף שבת, האט ער מיטגעהאלטן די גאנצע עבודת הקודש פון ר' מאיר'ל פון פרעמישלאן זי"ע.

דער חסיד איז זייער שטארק באנומען געווארן פון די הייליגע עבודה פון רבי מאיר'ל. מוצאי שבת קודש, איז ער אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל, האלטנדיג דערביי א גרויסע פדיון פון 25 רובל. דער רבי, זעענדיג דער פדיון, זאגט אים, "זיכער האט איר געפלאנט דאס איבערצוגעבן פארן הייליגער ריזשינער, ריכטיג?" דער איד ענטפערט, "יא! אמת, איך האב דאס לכתחילה געוואלט געבן פאר אים, אבער יעצט וויל איך דאס געבן פארן רבי'ן. ווען איך וועל זיין אין ריזשין, וועל איך אים אויך דארט געבן."

"וואס טוט מען? מעג מען דאס נעמען? טאר מען דאס נישט נעמען?" ר' מאיר'ל וועט נישט צורירן צו קיין שום געלט וואס איז נישט זיינס!

האט ער געשטעלט א בי"ד וואס זאל דן זיין די אלע צדדים, ויצא הפסק אז ער מעג דאס נעמען...

באלד קומט דער רביצין (אשת הרה"ק רבי מאיר'ל זצוק"ל) צו לויפן און זאגט צו איר מאן, בזה הלשון, **"מאיר'ל! פלייש פון א שאלה ווילסטו ניט עסן, און געלט פון א שאלה ווילסטו יא נעמען?!"**

(ספר אמת ויציב, חלק ג', הרה"ק מפרעמישלאן)

## "חוה" לייגט צו צום איסור, פארוואס?

מיר אלע קענען די מעשה פון פרשת בראשית, ווי דער נחש און חוה האבן א וויכוח. זאגט דארט די פסוק: וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל הַנָּחָשׁ מִפְּרִי עֵץ הַגָּן נֹאכֵל. **וּמִפְּרִי הָעֵץ אֲשֶׁר בְּתוֹךְ הַגָּן אָמַר אֱלֹקִים לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ "וְלֹא תִגְּעוּ בּוֹ" פֶּן תְּמֻתוּן.** (בראשית ג, ב-ג)

חוה לייגט צו צום איסור און זאגט פארן נחש, "דער אייבערשטער האט געזאגט נישט עסן און אויך נישט צורירן צום בוים וואס ליגט דא אינעם גארטן!" לאמיר פארשטיין אביסל, **פארוואס האט חוה דאס צוגעלייגט?**

זאגט דער אוהח"ק אין פרשת בראשית (בראשית שם פסוק ב'): איך גיי דיר קלאר מאכן מיט א יסוד גדול וואס איז גילטיג פאר די גאנצע תורה... וזה היסוד גדול ונורא:

**כי כל אשר יצוה ה' עמו, לא צוה ה' דבר לצד ההורמנא והנקמה**, דער אייבערשטער האט אונז נישט באפוילן מיט קיין ציווי'ס אדער מצוות כדי צו ווייזן א שליטה אדער נקמה אויף אונז, **אלא הכל לסיבת הרחקת הנזק והקרבת התועלת**. נאר אלעס וואס דער אייבערשטער האט אונז באפוילן איז בלויז פאר אונזער טובה וועגן, כדי אונז אכטונג צו געבן אז מיר זאלן נישט ווערן געשעדיגט פון דער ע"ז און נענטער ווערן צום תכלית.

זאגט דער אוהח"ק: והא ראיה, געב נאר א קוק וויפיל געוויקסן דער אייבערשטער האט איינגעפלאנצט, וויפיל וואונדערליכע זאכן דער אייבערשטער האט באשאפן אויף דער וועלט. פאר וועמען האט ער דאס אלעס געשאנקן? נאר פאר דער מענטש, יציר כפו!

דאס זאגט חוה צום נחש, "דו טענה'סט אז דער אייבערשטער לאזט מיר נישט עסן פון דעם געשמאקן בוים ווייל ער וויל מיר נישט געבן קיין גוטע זאכן. געב נאר א קוק, דער אייבערשטער האט מיר נישט צוריקגעהאלטן פון קיין שום אנדערע בוים אינעם גארטן, ער לאזט מיר הנאה האבן פון אלעס, נאר פון די איין בוים לאזט ער נישט! פארוואס? על כרחך, מוז זיין אז דער בוים איז פאר מיר א סכנה און עס קען מיר אנמאכן א היזק. אויב אזוי, לאמיר טאקע שטיין ווי ווייטער פון דעם!"

**זאגט דער אוהח"ק: דערפאר, האט זי צוגעלייגט דעם "ולא תגעו בו", טראכטנדיג אז אויב עס איז א סכנה פאר איר, וויל זי טאקע נישט האבן קיין שום שייכות מיט דעם, זי וויל דאס אפי' נישט אנרירן!**

**נו אויב אזוי, האט זי דאך גוט געטוהן! וואס איז געווען איר טעות?**

געפונען מיר אין חז"ל (עי' כלי יקר בראשית וכעי"ז הובא בשאר מפורשים): איר טעות איז דא געווען אז זי האט דאס געמאכט ווי דער לאו אליין, כאילו דער גדר האט דער אייבערשטער לכתחילה געמיינט כולל צו זיין מיטן לאו.

[ה] לפי"ז, פארשטייען מיר גוט פארוואס רש"י געבט נאר משלים פון מצות עשה, כי לפי"ד איז טאקע נאר שייך דער איסור ביי א מצות עשה. משא"כ, דער רמב"ם שלפי"ד איז תלוי ווי אזוי ער זאגט דאס, געבט ער אויך די משל פון א ל"ת... (עייש בחינוך דברי הרמב"ם)

ובכה"ג, האלט דער רמב"ם[ו] אז דא איז שוין יא דא דער ענין פון בל תוסיף.[ז] (ועי' במנחת חינוך מצוה תנ"ד ד"ה שנמנענו, שכך הם דברי הרמב"ם בפירוש פ"ב מהלכות ממרים, שהכל תלוי אם תלה האיסור בתורה או בתורת סייג.)

און דאס איז די גרויסע יסוד וואס מיר דארפן וויסן, **כי כל אשר יצוה ה' עמו, לא צוה ה' דבר לצד ההורמנא והנקמה, אלא הכל לסיבת הרחקת הנזק והקרבת התועלת.** שפיר נישט ווי מען נעמט עפעס צו פון דיר, מען באגרעניצט דיר, מען שפארט דיר איין, נאר גאר פארקערט, מען געבט דיר געזונט און ברכה און מען היט דיר אפ פון אלע קללות.

# מוסר השכל

## זיין א מדקדק במצות איז א פרעשא"ר אדער א פריוולי"דש?!

דער תשובה: עס ווענדט זיך ווי אזוי מען קוקט אן די מצוות! אויב מען קוקט אן די מצות ווי אלגעמיינע פעולות וואס מאכן נישט קיין גרויסע חילוקים, דעמאלטס קען לפעמים געשעהן אז מען וועט ליידער פארמינערן אדער פארמערן אין די מעשי המצוה. אפטמאל קען מען ליידער הערן מענטשן זיך באנוצן מיט די סלאגאן, "וואס א חילוק? דער עיקר, געטוהן דער מצוה!", און נאך צולייגן די ווערטער, "דער רבוש"ע איז נישט קיין בייזער, ער איז צופרידן מיט וואס און ווי אזוי איך טוה!"

און אויב מען טוט אים מעורר זיין, אדער ער הערט און זעהט ווי אנדערע זענען יא שטארק מדקדק במצוה, קוקט ער זיי אן ווי "מענטשן וואס מאכן פארבלעם, מענטשן וואס מאכן צופיל אן עסק פון יעדע זאך..."

דער הייליגער תנא, ר' עקיבא האט געזאגט: **כשהייתי עם הארץ אמרתי מי יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור** (פסחים מט), ווען איך בין נאך געווען אן עם הארץ, האב איך געוואלט טרעפן א תלמוד חכם און אים בייסן ווי א אקס בייסט! (דאס שטערקסטע ביס וואס עס איז נאר שייך) **פארוואס?** ווייל זיי מאכן א פראבלעם פון יעדע זאך! זיי מאכן מיר פילן ווי איך בין א נידריגערע קלאס פון זיי...

אבער ווען רבי עקיבא איז געווארן א תלמוד חכם און ער האט גוט פארשטאנען די ווערד, די גרויסקייט און הייליגקייט פון יעדע מצוה, דעמאלטס, זאגט די גמרא: **רבי עקובא דורש על כל קוץ וקוץ תילין תילין של הלכות** (מנחות דף כט ע"ב), אויף יעדע קוץ פון אן אות אין די תורה האט רבי עקיבא גע'דרש'נט נאך און נאך הלכות.

ווען מיר וועלן לערנען וועגן די מצוות און גלייבן אין אונזערע מעשים, אנערקענען די געוואלדיגע אורות און חסדים וואס מיר טוהן אלץ אויף ווען מיר טוהן א מצוה, וועלן מיר נישט מוותר זיין אויף קיין איין טראפ, נאר מיר וועלן ערליך און פונקטליך נעמען די מעדיצינען. ועל אחת כמה וכמה, וועלן מיר אכטונג געבן פון אלע היזיקות... און אויב ווייסן מיר נישט גענוי ווי אזוי, וועלן מיר זיך זייער שנעל אינטערעסירן, נאכפרעגן און נאכפארשן! ווייל עס מאכט **יא** א חילוק!

## חשבתי דרכי ואשיבה רגלי וגו'

טייטשט דער הייליגער בית אהרן: **חשבתי לשון חשיבות, רגלי לשון רגילות, שצריך כל אחד אף שהוא במדריגה פחותה מאד, להחשיב בעיניו כל דרך וכל פעולה שהוא עושה בעבודת השי"ת, ולהאמין ולידע שכל פעולה באיזו מדריגה שהיא פועלת למעלה למעלה, ובזה יוכל לעזוב הרגילות שלו ולתקן הכל. כי כ"ז שאינו חשוב בעיני עצמו לא יוכל לעזוב את הרגילות שלו ולשוב לדרך הטוב. וזהו חשבתי דרכי, שהחשבתי את דרכי, ואשיבה רגל"י, שבזה השבתי כל הרגילות שלי אל עדותיך.** (בית אהרן לחנוכה, עה"פ הנ"ל)

ווי פאסיג איז יעצט אין די צייט, שבת מברכים אלול, ווען מיר הייבן שוין אט אט אן בלאזן מיטן שופר, יעצט צו מקיים זיין דעם **עורו ישנים משנתכם והקיצו נרדמים מתרדמתכם**, ארויסגיין פון די רגילות פונעם טאג-טעגליכן לעבן און אנהייבן לעבן מיטן ריכטיגן דעת און אמונה. "יא! אונזערע מעשים מאכן אויס, און עס איז עושה רושם!"

ווי דער רמב"ם שרייבט (הל' תשובה פ"ג, ד): אע"פ שתקיעת שופר בראש השנה גזירת הכתוב, רמז יש בו, כלומר עורו ישנים משנתכם והקיצו נרדמים מתרדמתכם וחפשו במעשיכם וחזרו בתשובה.

### כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ מִבַּעַד לְצַמָּתֵךְ.

(שיר השירים ד, ג)

שלמה המלך לויבט אויס כלל ישראל און זאגט: **רַקָּתֵךְ**, אפילו ריקנין שבך, די שוואכע אידן, די אידן וואס קענען נישט אזוי גוט די הלכות, **מלאים מצות כרמון** (ברכות נז.), זענען אנגעפילט מיט מצוות. יעדע איד, אין סיי וועלכע מצב ער איז, איז ער נאך אלץ אנגעפילט מיט מצוות ומעשים טובים, ווייל יעדע איד האט זיך זיינע מצוות ווי ער איז שטארק מהדר און עס מאכט שטארק אויס פאר אים.

מיר דארפן זיך נאר מחזק זיין אויף נאך און נאך מצוות, וויסן און חזר'ן אז אלע מצוות מאכן אויס, יעדע איינציגע מצוה פון די 613 מצוות איז וויכטיג פארן גאנצן קומה שלימה.

### לאמיר טאקע זוכה זיין!

---

[ו] למעשה, נכשלה עיי"ש פי' רש"י. פרעגט דער מנחת חינוך, וואס איז דער פראבלעם דא? בשלמא, לויטן רמב"ם אז דער עיקר לאו איז, אז עס טאר נישט געזאגט ווערן בלשון תורה, פארשטייט מען גוט פארוואס זי איז דא געשטרויכלט געווארן. וויבאלד אדם האט איר דאס געזאגט בלשון "ויאמר ה'", כאילו דער אייבערשטער איז דאס מצוה און נישט בלשון גדר וסייג. וואלט ער דאס געזאגט בלשון סייג, וואלט זי טאקע נישט געשטרויכלט געווארן. אבער לויט די ווערטער פון די ראב"ד אז יעדע מצוה ל"ת האט נישט די פראבלעם פון בל תוסיף, ואדרבא מצות לעשות סייג להרחיק מן העבירה. וואס האט זי דא שלעכטס געטוהן אז זי איז געשטרויכלט געווארן? אדרבא, עס איז גאר א מצוה מוסיף צו זיין? וצ"ע!

[ז] וכך הם דברי רבינו בחיי (פרשת ואתחנן וכן הוא ברמב"ן), פארוואס הייסן נישט די הרחקות פון חז"ל בל תוסיף? זאגט דער רבינו בחיי: ווייל חז"ל זענען נישט געקומען צולייגן קיין שום הוספות צו די מצוות פון די תורה. חז"ל זענען נאר געקומען מאכן א גדר וסייג ארום די מצוה, כדי דער מצוה זאל זיך האלטן, אזוי ווי איינער וואס מאכט א גדר ארום א ווייגארטן כדי די טרויבן זאל זיך האלטן. אמת, מוסיף זיין אויפן עצם מצוות התורה, דאס טאר מען טאקע נישט טוהן, אבער מאכן גדרים וסייגים בהכרזה אז דאס איז לשם גדר און נישט לשם מצוה, אדרבא ראוי לעשות כן!

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com